# LIVING TORAH

## פרשת ראה

### בס״ד. התוועדות יו״ד שבט תשמ״ו.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

...״אמר הקב״ה, אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם, אמרו לפני זכרונות כדי שיעלה זכרונכם לפני לטובה, ובמה בשופר״.

דער ביאור בזה האָט מען פון דעם המשך הידוע פון דעם רבי'ן מהר״ש, וואָס ער ברענגט דאָרט אַראָפּ צוויי משלים אויף דעם ענין פון תקיעת שופר. איין משל בשם הבעל שם טוב, און דעם צווייטן משל בשם ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, ווי ס׳איז שוין אָפּגעדרוקט דער המשך.

וואָס דער משל פון בעל שם טוב איז, אַז בשעת ס׳איז געווען אַ בנו של מלך, וואָס דערנאָך איז עלה ברצון המלך אַז ער האָט אַוועקגעשיקט דעם בנו כדי ער זאָל מוסיף חכמה זיין אין אַ מדינה רחוקה, און דערנאָך האָט דאָט געווען מצד סיבות האָט דער בן מלך פאַרגעסן על אביו המלך ומנהגי המלך, און פאַרגעסן אפילו דעם לשון אין וועלכן מ׳האָט גערעדט אין עיר הבירה מיטן מלך און מיט אנשי עיר הבירה.

און דערנאָך, אַז דער בן המלך איז חזר לבירת המלך, און וויל צוקומען צום מלך, לאָזט מען דאָך אים ניט צו, ״ושכח כתב ולשון״, ער האָט פאַרגעסן דעם לשון, אָט דעמאָלט, וואָס טוט דער בן המלך? – איז ער **צועק בקול**, ביז וואַנענט אַז די צעקה דערגרייכט צו אביו המלך, דערקענט אביו המלך, אַז דאָס איז קול בנו. און אָט דעמאָלט נעמט ער אים אַריין צו זיך אין היכל המלך ומלבישו ומנעילו, ווי ער איז דאָרט ממשך אין דעם משל.

דערנאָך איז דאָ דער צווייטער משל, אַז בשעת ס׳איז געווען אַ מלך וואָס איז געגאַנגען ביער און האָט פאַרבלאָנדזשעט, און דערנאָך האָט זיך געפונען אַ חכם וואָס האָט אין אים דערקענט, אַז דאָס איז דער מלך, במילא האָט ער אים (באַוויזן) אויפגענומען, און דערנאָך באַוויזן די וועג און האָט אים געבראַכט לעיר הבירה,

און דערנאָך, לאחרי זמן, אַז ער האָט זיך אויפגעפירט – דער חכם וואָס האָט געבראַכט דעם מלך – שלא כרצוי, איז געוואָרן אויף אים אַ העדר הרצון פון דעם מלך, ביז וואַנענט אַז מ׳האָט אים פאַרמשפּ׳ט, איז אָט דעמאָלט בעט דער חכם, אַז מ׳זאָל אים ערלויבן ער זאָל אָנטאָן די לבושים מיט וועלכע ער האָט דעמאָלט געטראָפן דעם מלך, און אויך דער מלך זאָל אָנטאָן די לבושים ווי ס׳איז געווען דעמאָלט ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט דעם חכם ביער, און ער האָט אים דעמאָלט אַרויפגעפירט אויפן דרך המלך.

און דאָס איז אויך דער נמשל – ווי ר׳ לוי באַרדיטשעווער איז ממשיך – אַ ס׳איז געווען דער אויבערשטער ״הלך על כל עם ולשון״ און האָט געוואָלט מ׳זאָל נעמען תורתו, און קיינער האָט דאָס ניט גענומען, ביז וואַנענט ער איז געקומען צו ״ישראל עם קרובו״ האָבן זיי אָנגענומען תורתו,

און דערפאַר, בשעת ס׳קומט בראש-השנה ״ובמה בשופר״, בלאָזט מען בשופר על דרך ווי ס׳איז געווען דער תקיעת-שופר בשעת מתן תורה – דערמאָנט זיך מלך מלכי המלכים הקב״ה, אַז ס׳איז געווען דער זמן וואָס ״החזירה על כל אומה ולשון״ (און ער האָט דאָס ניט גענומען, און דוקא ״ישראל עם קרובו״ (האָט אים געמאַכט) האָט גענומען די תורה, און פון זינט דעמאָלט אָן איז ער מוחל כל הענינים און ס׳וועט צוריק – דורך דעם (תקיע) ״במה בשופר״ בראש השנה – דערמאָנט דאָס דעם שופר פון מתן תורה מיטן מעמד ומצב פון מתן תורה.

וואָס דער חילוק אין די צוויי משלים איז, אַז דער ערשטער משל באַווייזט אויף אַן ענין פון אַ פעולה פון דעם בן המלך, וואָס ער שרייבט מיט אַ צעקה גדולה, ״קלא פנימאה״, וואָס דאָס דערמאָנט דער מלך, דער קול שופר פון דעם בן המלך דערמאָנט דעם מלך, אַז דאָס איז קולו של בנו, וואָס קולו של בנו אָט דאָס איז דער ענין **התשובה**.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ראה

בשעת (ער) דערנאָך קומט דער צווייטער משל, דער ענין פון מתן תורה – איז דער ענין **התורה**, וואָס דאָס באַווייזט אויף אַן ענין פון **חשיבות**.

וואָס דאָס איז אויך דיביידע ענינים "ובמה בשופר", אַז סיי דער ענין פון תמליכוני עליכם", וואָס דאָס איז געווען – אין איינע פון די משלים – סיי דער ענין פון "יעלה זכרונכם (לפנַי) לפני לטובה", ווי דאָס איז געווען אין דעם ערשטן משל – איז "במה" ווערט דאָס ביידע זאַכן אויפגעטאָן? – ווערט דאָס אויפגעטאָן דוקא דורך ענין השופר.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.